# שמחת תורה

## משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ב

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואָס דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט תורה, וואָס זי איז דאָך "היא חיינו ואורך ימינו", איז דאָך "נעוץ תחילתן בסופן וסופן בתחילתן", און ווי ס'שטייט אין כמה ספרים במיוחד בהנוגע לתורה, אַז בשעת מ'איז מסיים תורה, איז מען מסיים מיט "לעיני כל ישראל", וואָס דאָס איז אַ למ"ד, און דערנאָך דאַרף זיין גלייך – מסמיך זיין – סופה לתחילתה, "בראשית ברא אלקים", בשעת ס'איז "נעוץ סופן בתחילתן" שטעלט זיך אויס דער וואָרט "לב".

וואָס דער איז דאָך דער מלך פון יעדער אידן און אַלע אידן, וואָס "אמר מלכא עקר טורא", אַז בשעת ס'שטייט אַ זאַך אין תורה מוז מען איר מקיים זיין, וואָרום "מאן מלכי רבנן": דערמיט וואָס זיי גיבן אַרויס די החלטה פון תורה ווערן זיי אָנגערופן בשם "מלך", וואָס דאָס איז **בגוף** האדם, ועל דרך זה **ברוחניות** האדם – דער ענין פון דעם לב.

אַז וויבאַלד אַז מ'האָט מסיים-געווען די ספר-תורה הראשונה דאָ, וואָס מ'האָט איר מסיים געווען מיט דעם למ"ד פון "ישראל", און גלייך מסמיך געווען און אָנגעהויבן די כתיבת ספר-תורה שלאחרי' מיטן אות בי"ת פון "בראשית",

אַז יעדערער זאָל זען, נוסף אויף דערויף וואָס ער האָט אַן אות בספר תורה, זאָל ער אויך זען די אַלע וואָס מאיזו סיבה שתהי' האָבן זיי נאָך ניט קיין אותיות אין איינע פון די ספרי-תורה, אַז זיי זאָלן קונה-זיין – ב"חיי נפשו" – אַן אות בספר-תורה,

וואָס דאָס פאַרבינדט אַלע אידן צוזאַמען אין דער ספר-תורה, און דורך דער ספר-תורה אין וועלכע ער האָט דעם אות – מיט אַלע ספרי-תורה, ביז – מיט דער ספר-תורה הראשונה וואָס משה רבינו האָט געשריבן און מסיים געווען ווען ער האָט געזאָגט דעם "ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ללמדה",

און וואָס אָט דעמאָלט גייט מען אַרויס מיט די אַלע ספרי-תורה אין ארץ הקודש, וואָס דאָרטן לערנט מען תורה מפיו של משיח, תורתו של משיח,

ולפני זה – וכמדובר ומרומז – אַז דער "נעוץ סופן בתחילתן" איז דאָס דער למ"ד פון דעם וואָרט "ישראל", און דערנאָך גייט מען אַריבער גלייך צו דעם בי"ת פון "בראשית", וואָס דאָס גייט דאָך אויף די ראשית פון כל ההתהוות כולה פון דער גאַנצער בריאה, דעם גאַנצן סדר השתלשלות,

און דער סדר איז, אַז פריער האָט מען דעם "לתורה" – דעם למ"ד פון תורה, דערנאָך איז דער "אסתכל באורייתא וברא עלמא" – קומט מען צו דעם בי"ת פון "בראשית", און ס'ווערט דער "ברא עלמא" לויט דעם למ"ד פון "לתורה",

פונקט ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה וואָס קוב"ה – ווי ער זאָגט אין בראשית רבה בתחילתה – איז "אסתכל באורייתא וברא עלמא", אָט אַזוי אויך, ווי ער זאָגט אין זהר, איז "כך בר נש דעסיק בתורה" איז ער מקיים עלמא,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# LIVING TORAH

## שמחת תורה

ביז ווי דאָס קומט אַראָפּ בפשטות, אַז ער האָט אַן אות אין ספר-תורה, במילא העלפט דאָס אים אויך אַרויס נאָכמערער, ווי דער בעל ההילולא איז מבאר באריכה אין דעם מאמר פון שמחת-תורה פון תש"ו, ווי געזעדט כמה פעמים, אַז דער אות זיינער אין תורה גיט אים חיות און כח, און דאָס ווערט אַ "כוס של ברכה" בכל המצטרך לו.

און אַזוי איז ער דערנאָך אויך משפיע די **אַלע** צו וועלכע ער קען דערגרייכן, כולל אויך אָט די אויף וועלכע ער האָט משפיע געווען, אַז זיי זאָלן האָבן אַן אות אין דער ספר-תורה,

ובקרוב ממש וועט מען פאַראייניקן **אַלע** אידן, כולל אויך די אידן וואָס געפינען זיך "מאחורי מסך הברזל", ווי ס'ווערט אָנגערופן בלשון העולם, אָבער תורה איז מסביר, אַז "אפילו מחיצה של ברזל אינה מפסיקה בין ישראל לאביהם שבשמים",

ובפרט אַז מ'פאַרבינדט דאָס מיט אַ כתיבה כפשוטה, מיט דיו גשמי על קלף גשמי, על ידי סופר נשמה מלובשת בגוף, וואָס ער איז כותב בידים ובאצבעות גשמיים, וואָס אָט דעמאָלט איז אַ זיכערע זאַך אַז דאָס האָט אַ קיום, און — אַ קיום ווי אַ קיום פון דער **תורה**, וואָס דאָס איז אַ קיום **נצחי** און אַ קיום **אמיתי**, "אמת לאמיתתו", וואָרום דאָס איז תורתו של הקב"ה,

קומט דאָס אויך אַראָפּ **בפועל**, כלשון ווי דעם נביא וואָס דאָרט איז ער מסביר ווי אַזוי ס'וועט קומען דער "קץ הימין", אין דניאל, איז דער תחילת הפרק הקאַפּיטל, אַז ס'וועט זיין "ימלט עמך כל הנמצא כתוב בספר", כפירוש הראשונים — ב"ספרו" של הקב"ה, איז דאָך אויך דער רמז, אַז ער האָט אַן אות אין דער תורה, וואָס "תורה מגינה ומצלא",

איז ניט קוקנדיק וואָס פאַר אַ צייט ס'איז, און אין וואָס פאַר אַ מעמד ומצב ער איז געווען מיט אַ רגע לפני זה — ווערט ער אין אַן אופן, אַז מיכאל שר הגדול איז מגין אויף אים און **מציל** אים, און ער גייט בראש כל בני ישראל,

און נאָכמערער — משיח צדקנו בראשנו, און נאָכמערער — ווי די גמרא זאָגט "ושב הוי' אלקיך את שבותך", "והשיב" לא נאמר, נאָר "ושב", אַז דער אויבערשטער אַליין גייט מיט יעדער אידן און ער אַליין קלייבט אים אַרויס, "תלוקטו לאחד אחד", קלייבט אַרויס יעדער אידן בפרט, און גייט מיט אים צוזאַמען אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ובמהרה בימינו ממש.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.